**גוט יום טוב אלע אידן.** סוכות ווערט אנגערופן "זמן שמחתנו." עס זענען דא אסאך סיבות פארוואס מיר קענען זיך פרייען די יום טוב. איינע פון די זאכן איז אז מיר קענען רוהיגערהייט מקיים זיין די אלע מצוות פונעם יום טוב אן קיין רדיפות פונעם גוים ימ"ש. דורך אלע דורות האבן אידן געבויט סוכות אין די שווערסטע מצבים. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מוראדיגען אויפן דעם מסירות נפש פון אידן אין רוסלאנד וואס האבן מקיים געווען די מצוה פון סוכה מיט דעם גאנצען הארץ.

איינע פון די געגענטען וואו אידן האבן געוואוינט אינטער דעם "אייזענעם פארהאנג" פון די קאמוניסטען ימ"ש, איז געווען אין דעם שטאט "קאזאן" אין דעם "טארטארסטאן" געגענט אין מיטן אסיע. בקיצור, דארט וואוינט א איד, א דענטיסט וואס הייסט דר. משה אדינוב, וואס איז היינט א איד פון בערך 65 יאר בע"ה.

זיין טאטע האט געהייסן ר' נחום אליהו אדינוב ע"ה און ער איז געווען א סופר אין שטאט קאזאן בעפר דעם צווייטען וועלט מלחמה. די דייטשע רשעים ימ"ש זענען ב"ה נישט אנגעקומען דארט אין די מלחמה יארן. אבער די קאמוניסטען ימ"ש אליין האבן געמאכט א גוטע "דזשאב" אויפ'ן אידן, דורך דעם וואס זיי האבן פשוט געאסרט אידישקייט רח"ל.

ר' משה'ס טאטע דער סופר איז געווען גאר אן ערליכע איד, אבער ער האט מורא געהאט צו זיין אידיש אפענעהייט ווייל די סכנה איז געווען גרויס. איינעם וואס די רוסען האבן געכאפט זיך פירן אידיש איז אוועקגעשיקט געווארן קיין סיביר, פון וואו אסאך זענען ליידער נישט אהיימגעקומען, הי"ד.

ווען ר' משה איז געווען א קינד, האט אים זיין טאטע געזאגט אז, אינדערהיים קען מען זיין א איד, אבער ליידער אין די גאס מוז מען זיין רוסיש. אזוי איז משה אויפגעוואקסט אין רוסלאנד מיט ווייניג אידישקייט. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען קיין ריכטיגע תלמוד תורה וכו'. אבער, ר' משה'ס טאטע האט אלעס וואס ער האט געקענט טון אינדערהיים צו מחנך זיין זיין זון אויפן אידישען וועג.

די יום טוב סוכות איז געווען א ספעציעלע צייט ביי משה'ס משפחה אינדערהיים אלס קינד. זיי האבן געוואוינט אין אן אפארטמענט בנין וואו יעדע דירה האט געהאט א קליינע מרפסת, גענוג גרויס צו בויען א סוכה. יעדעס יאר האט זיין טאטע געבויט א סוכה. פאר די סכך האט ער גענוצט בלעטלעך און צווייגן. משה האט זייער ווארעמע זכרונות פון זיצען אין די סוכה אלס קינד הערענדיג ווי זיין טאטע האט דערציילט סיפורי צדיקים און דברי תורה.

אין תשכ"ה איז משה'ס טאטע נפטר געווארן. ווען עס איז געקומען סוכות יענע יאר, האט משה געוואלט ווייטער מקיים זיין די מצוה פון סוכה "למען ידעו" אז זיין אייגענע קינדער די נעקסטע דור זאל וויסן דערפון. בקיצור, ווען עס איז געקומען די צייט צו בויען די סוכה האט משה געטראכט צו זיך: "מיין טאטע איז געווען א פשוט'ער איד, ער האט געבויט א פשוט'ער סוכה וואס איז נישט געווען אזוי "שיין" ווייל ער האט פשוט נישט געהאט אסאך געלט. אבער איך, וואס האב מער געלט, גיי איך מאכן זייער א שיינע סוכה, אסאך מער "פענסי," ווי דער טאטע האט געמאכט מיט די בלעטלעך און שטיקלעך צווייגן. (נישט ווייל דער טאטע'ס סוכה איז נישט געווען שוין, נאר ווייל דער טאטע איז געווען באגרעניצט מיט דעם וואס ער האט געהאט ווייניג געלט.) משה האט צוגעלייגט שטיקלעך צו די מרפסת און ער האט געמאכט זייער א הערליכע "סוכה" לויט זיין פארשטאנען. זיין טאטע וואלט זיך שטאלצירט צו זען ווי אזוי ער האט מקיים געווען ווייטער די אידישע מנהגים אינטער די רשעים ימ"ש.

ווען די "אייזענע פארהאנג" איז אראפגעפאלן, און די קאמוניסטען האבן געהאט זייערע מפלה ב"ה בערך 20 יאר צוריק, האט ר' משה געקענט סוף כל סוף זיין א איד ווי עס דארף צו זיין נאך אלע יארן פון רדיפות אונטער די רוסען. אין תשנ"ח האט חב"ד געשיקט א שליח, א געוויסער רב יצחק גארעליק קיין קאזאן, צו מחזק זיין די אידישקייט דארט. ווען עס איז געקומען די יום טוב סוכות, האט רב גארעליק גערופן משה צו קומען צו זיין סוכה. יעצט לאמיר דערציילן די שטיקל פון דעם מעשה אזוי ווי משה האט עס דערציילט אין זיין אייגענע ווערטער...

"ווען איך בין אריינגעקומען אין רב גארעליק'ס סוכה, האב איך געזען ווי רב גארעליק שטייט אין זיין שבתדיגע קליידער, האלטענדיג א זילבערנע בעכער אנגעפילט מיט ווין מיט לעכט ברענען אויף דעם טיש שיינענדיג אויף זיין פנים, מיט די בלעטלעך און צווייגן העכער זיין קאפ. דאן האב איך אנגעפאנגען צו וויינען, און איך האב נישט געקענט זיך צוריקהאלטן מיין התרגשות. פלוצלינג האב איך געכאפט אז מיין טאטע מיט זיין פשוטע סוכה האט מקיים געווען די סוכה ווי עס דארף צו זיין. און פאר די פריערדיגע 33 יאר, האב איך נישט געטון ריכטיג מיט דעם וואס איך האב צוגעלייגט א דאך פון "אלומיניום" העכער די מרפסת!!! איך האב נאר געוואלט מאכן "שענער" די סוכה. און דורך דעם האב איך "קליא" געמאכט!"

ווען משה האט דערציילט דעם גאנצע מעשה צו רב גארעליק, האט דער רב אים בארוהיגט זאגענדיק אז דער אייבערשטער האט זיכער הנאה געהאט אלע יארן פון ר' משה'ס סוכה ווייל ער האט עס געטון מיט'ן גאנצן הארץ. זייט דעמאלט, לערנט ר' משה מער און מער וועגן אידישקייט און היינט קען ער שוין לעבן ווי איד אינדערהיים און אויף די גאס אויך!

מיר קענען ארויסלערנען אסאך ענינים פון דעם מעשה, למשל דאס וויכטיגקייט פון האלטן די מסורה פון די אבות. אבער לאמיר אביסל רעדן וועגן דעם ענין פון "הקדוש ברוך הוא ליבא בעי" (סנהדרין קו:) דאס הייסט אז מען דארף דינען דעם אייבערשטען מיט דעם גאנצען הארץ. מען לייגט אריין אזוי סאך כוחות אין די הכנות פאר יום טוב, אבער מיר דארפן פרובירן צו געדענקען צו מקיים זיין די מצוות פונעם יום טוב מיט די ריכטיגע כוונות און מיט דעם גאנצען הארץ. **גוט יום טוב אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי דאס קלינגען זאל נישט שטערן דעם דאווענען!**